בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ

רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

תצוה

ט"ז אדר א' תשפ"ד

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 4:56 |
| מוצש"ק | 6:09 |
| ר"ת | 6:50 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:17 | סוז"ת א' | 9:29 |
| סוזק"ש ב' | 9:00 | סוז"ת ב' | 9:57 |

די צייטן לויט די ווינטער זייגער

גליון מס': ע'

שנה ב'


## טיב המערכת

# לְהַעֲלֹת נֵר תָּמִיד

אמאליגע צייטן, איידער דער "עלעקטרי" איז ארויסגעקומען אויף דער וועלט, און נאך איידער מענטשן האבן פארמאגט "שוועבלער", ווען מען האט געוואלט אנצינדן א פייער, האט מען געדארפט נעמען צוויי פייער-שטיינער און זיי קלאפן איינס אויפן אנדערן, ביז עס איז ארויסגעקומען א פונק פון פייער און גלייך האט מען געדארפט צולייגן דערצו א ווייכע זאך אזוי ווי וואל, און ווען דאס האט זיך ענדליך אנגעצינדן האט מען אריבערגעפירט דעם פייער צום איוון און צו די העלצער. עס האט געפאדערט א ספעציעלן באהאוונטקייט צו אנצינדן דעם ערשטן פונק, און דעריבער פלעגט מען אלעמאל לאזן ברענענדיגע קוילן כדי מען זאל קענען גרינג אנצינדן פון זיי א פייער.

אויף די ווערטער "לְהַעֲלֹת נֵר תָּמִיד" ערקלערט רש"י "מַדְלִיק עַד שֶׁתְּהֵא שַׁלְהֶבֶת עוֹלָה מֵאֵלֶיהָ".

מיר שטייען יעצט ביי די צייט פון "נעילה" פון די טעג פון שובבי"ם ת"ת, אין וועלכע יעדער פון אונז איז דערהויבן געווארן, יעדער איינער לויט וויפיל ער האט אריינגעכאפט, און מיר האבן זוכה געווען צו תשובה מאהבה (אזוי ווי עס ווערט ערקלערט באריכות אינעם ספר "טיב התשובה"), מיר האבן אנגעצינדן דעם פייער, דער פייער פון תורה און דער פייער פון עבודה אין אונזער "נֵר הַשֵּׁם נִשְׁמַת אָדָם", און יעצט אינדערצייט פון רַעֲוָא דְרַעֲוִין ווען עס גייט ארויס די 'נשמה יתירה' פון די הייליגע שובבי"ם טעג, דארפן מיר זארגן דערפאר אז אט דעם פייערדיגן פלאם זאל קיינמאל נישט פארלאשן ווערן, כדי מיר זאלן זיך נישט דארפן נאכאמאל אנשטרענגען און זיך פלאגן צו אנצינדן דעם ערשטן פונק...

אלס עצה דערצו, האט אונז רש"י מגלה געווען דאס אז מען דארף זען "שתהא שלהבת עולה מאליה". ווען? שטענדיג! נישט נאר אין די שובבי"ם טעג, נישט נאר אין די הייליגע טעג, נאר אין יעדן רגע, יעדן איינציגן טאג און יעדן איינציגן נאכט, זאלן מיר נישט לאזן אז דער פייער וואס געפינט זיך אין אונז זאל פארלאשן ווערן, נאר מיר זאלן זיין אזוי ווי די ברענענדיגע קוילן וואס אין יעדן רגע זענען זיי גרייט אז מען זאל מיט זיי אנצינדן א פייער. און וויאזוי וועלן מיר טאקע זוכה זיין דערצו? דורכדעם וואס מיר וועלן זיין באהאפטן צו די תורה אויף א שטענדיגן אופן, וויבאלד די תורה איז די מנורה וועלכע לייכט אין די נשמה פונעם מענטש, און ווען דער מענטש איז מחובר צו די תורה, דעמאלטס אפילו אויב ער האט ח"ו געזינדיגט, בלייבט ער נאך אלץ באהאפטן צו די תורה און דער אור התורה וואס געפינט זיך אין אים, טוט אים צוריקקערן.

(עפ"י טיב התורה - תצוה וטיב התשובה)

## טיב הפרשה

# להעלות נר תמיד

## א איד דארף זיך מדליק זיין פאר עבודת ה' אין יעדן מצב

מיט יארן צוריק האב איך זוכה געווען צו הערן פון הגה"צ רבי נטע פריינד זצ"ל מפרש צו זיין די ווערטער 'כתית למאור ולא כתית למנחות' בשם צדיקים, אז עס גייט ארויף אויף די צייט ווען א איד איז אין א מצב פון חשכות און זיין הארץ אין אים איז צובראכן ווען ער קוקט זיך אן וואו ער האלט אויף די וועלט, וויפיל ער האט שוין אויפגעטון און וויפיל ער האט ליידער מקלקל געווען און ער מאכט זיך א חשבון הנפש.

אין אזא צייט זאגט צו אים די תורה, אז ער זאל זיכערמאכן אז ווען ער מאכט א חשבון הנפש, זאל ער פון דעם צוקומען צו לייכטן, ווייל ווען א מענטש מאכט ביי זיך א חשבון הנפש קען ער אנקומען צו צוויי קעגנזייטיגע מסקנות, איין מסקנא קען זיין אז ער דארף זיך נעמען אין די הענט אריין און טון צו די זאך, זיך צו צופלייסן אין עבודת ה', אבער עס קען אויך זיין אז די חשבון הנפש וועט אים פירן צו א מסקנא אז ער זאל הייבן הענט און אויפגעבן אויף אלעס טראכטנדיג אז ער וועט דאך סייווי קיין ערגעץ נישט אנקומען, זאל ער כאטש אויסלעבן די קומענדיגע יארן במנוחה און זיך נאכגעבן אלע תאוות און זיך נישט צופלייסן צו עבודת ה'.

עס איז פשוט אז מען טאר נישט אנקומען צו אזא חשבון און אז דאס איז נישט די ריכטיגע מהלך וויאזוי א איד דארף זיך פירן, און די בחינה איז דא מרומז אין די ווערטער פון רש"י.

ער זאגט אונז אן אז ווען א איד איז זיך 'כותת', דהיינו אז ער צוקוועטשט זיך, ער קוקט איבער זיינע מעשים, זאל עס זיין אין אזא וועג אז דער 'כתית' זאל אים צוברענגען 'למאור' ער זאל לייכטן, ער זאל שטייגן אין עבודת ה', אבער עס טאר חלילה נישט זיין אז דער 'כתית' זאל אים צוברענגען צו 'למנחות' אז אדאנק דעם חשבון הנפש וועט ער אנהייבן זיצן במנוחה, טראכטנדיג אז סיי ווי סיי וועל איך נישט צוקומען אין ערגעץ מיט די עבודה.

נישט נאר ווען א איד מאכט א חשבון הנפש קען ער אנקומען צו א שיידוועג, אויך ווען ער גייט אריבער שוועריגקייטן און יסורים איז ער אויף די זעלבע וואגשאל, אין אזא צייט שטייט אויך א איד


<<< | המשך אין עמוד ב' |



טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות

פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער

אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320



יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

ביי א שיידוועג. די יסורים קענען אים צוברענגען אז ער זאל ווערן אינגאנצן צעקלאפט און צושלאגן, אז ער זאל זיך נישט צוריקכאפן פון זיי, אבער דאגעגן קען עס אים צוברענגען אז ער זאל זיך יא אויפהייבן און זיך דערנענטערן צו הקב"ה מאכנדיג א חשבון אז די יסורים זענען דאך נישט געקומען צו אים פאר גארנישט און אז ער טראכט ריכטיג וועט ער דורכדעם ווערן דערהויבן און געהייליגט ווען דאגעגן איז דער מצב ווען ער שטארקט זיך יא אין עבודת ה' און ער קומט יא אן צו די ריכטיגע זאך.

דער געדאנק דארף באגלייטן א איד איבעראל און אין יעדן מצב. די לעבן פון א מענטש איז א לאנגער קייט פון עליות וירידות. עס איז דא צייטן ווען זאכן זעען אויס לעכטיג און בליטשקענדיג אבער דאגעגן איז דא צייטן ווען אלעס איז פינסטער און פארנעפלט.

ביי אסאך אידן זעט אויס אז נאר ווען עס שיינט איז דא וואס צו טון אין עבודת ה', אבער ווען עס איז פינסטער זעט ער נישט קיין שום אויפטו אין זיינע פעולות, אבער די אמת איז ממש פארקערט. אין אזעלכע צייטן קען ער אסאך מער אויפטון ווי געוועגליך, ער קען אנטדעקן די אור וואס הקב"ה האט באהאלטן אין אים און ווי דער פסוק זאגט אין מיכה [ז, ח] כי אשב בחושך ד' אור לי, און אז ער איז זוכה מגלה צו זיין די אור אין אזא מצב איז דער פארדינסט אסאך גרעסער און אסאך שענער.

בדרך רמז קען מען זאגן אז די בחינה ליגט אין די ווערטער פון חז"ל אויף די ווערטער 'להעלות נר תמיד'. פון דער 'תמיד' זאגן חז"ל אז פון איר לערנט מען ארויס אז 'תמיד' מיינט שטענדיג, אז אויך אין שבת איז מען מחוייב מיט איר, אפילו ווען מען איז בטומאה איז מען מחוייב מיט די תמיד, עס איז אייביג דא. און על פי פנימית איז דא דער געדאנק אז א איד דארף זוכן מעלה צו זיין די נר וואס איז מרמז אויף די נשמה שטענדיג, אויך אין שבת, ווען א איד איז זוכה צו א התעלות, אבער אויך ווען עס איז חלילה א מצב פון טומאה, אז עס איז דא א חשכות ביי דעם איד, זאל ער נישט אויפגעבן, נאר זוכן די נקודה וואו ער קען זיך מדליק זיין און עס אנצינדן און פון דארט שטייגן ווייטער און ווייטער, העכער און העכער.

די תורה רעדט דא פון די מנורה און די מנורה איז קעגן די תורה, ווייל דער כח מיט וואס א איד קען זיך אנצינדן און גורם זיין אז ער זאל אנהייבן שיינען און זיך אנצינדן מיט איר איז מיט די כח התורה, און ווי די גמרא זאגט (ב"ב כ"ה ע"ב) הרוצה להחכים ידרים וסימנך מנורה בדרום, ווייל ווען א איד וויל זיך אנפלאקערן און זיך מחכים זיין זאל ער עס טון דורך די תורה, ווייל די תורה איז דער כח פון א איד זיך אנצוצינדן און זיך צוריקקערן צו הקב"ה, ווייל אין די תורה הק' איז דא א געוואלדיגער אור און מיט די אור קען מען צוריקקומען און אויסשטייגן בקדושה און מיט טהרה און צוריקקומען צו הקב"ה.

עס איז ידוע די ווערטער פון חז"ל אין ברכות [כב ע"א] אז הקב"ה קלאגט אויף כלל ישראל 'אותי עזבו ואת תורתי לא שמרו' - הלואי אותי עזבו ותורתי שמרו, שמתוך שהיו מתעסקין בה המאור שבה היה מחזירן למוטב, ווייל ווען דער איד וואלט כאטש געלערנט די תורה, וואלט ער געהאט א וועג וויאזוי ער קען צוריקקומען צו אים, ווייל די תורה הק' האט דאך אזא געוואלדיגער און א הייליגער כח.

אז מיר זענען שוין אנגעקומען צו די אנערקענונג אז די שליסל צו אלעס אין די וועלט ליגט אין די תורה, וועט מען אויך פארשטיין וויאזוי א איד קען זיך שטארקן אין אזא צייט, ווייל ביי תורה טרעפט מען די נושא פון יגיעה, דער לערנען דווקא ווען מען איז נישט דערביי און די סגולה פון איר און די כח וואס עס האט, און ווי חז"ל זאגן אונז אויף דער פסוק 'אף חכמתי עמדה לי' און מען דרש'נט אויף דעם אז 'תורה שלמדתי באף היא עמדה לי', ווייל די תורה וואס מען לערנט מיט אן אנשטרענגונג האט אין זיך א מורא'דיגער כח, עס ברענגט אויף זיך גרויסע הארות.

עס איז באקאנט די ווערטער פון דעם הייליגן רמב"ם אין הלכות תלמוד תורה אז אפילו אז עס איז א מצוה צו לערנען ביי טאג און ביינאכט איז מען קונה אסאך מער חכמה ביינאכט, דער רמב"ם פירט אויס אויפ'ן ארט אז וועגן דעם ווער עס וויל זוכה זיין לכתרה של תורה, זאל אפהיטן די נעכט און זיכערמאכן איר נישט צו פארלירן.

אויך חז"ל זאגן אונז אין רנה של תורה אלא בלילה, וכל בית שאין נשמעים בו דברי תורה בלילה אש אוכלתו רח"ל.

דער פשוט'ער פשט פון דער מאמר חז"ל איז אז מען זאל לערנען תורה ביינאכט, אבער עס קען זיין בדרך רמז אז די 'לילה' גייט ארויף אויף די זמנים ווען עס איז פינסטער פאר א איד אין די אויגן, ער שפירט נישט קיין טעם, קיין געשמאק אין תורה, עס גלוסט זיך אנצוברענגען די צייט מיט הבלים, אבער ער שטארקט זיך, ער שלאגט זיך מיט זיך און ער לערנט יא, אין אזא צייט וועט דער מענטש זוכה זיין אז ער וועט קונה זיין מער חכמה, מער תורה, מער עריבות ומתיקות התורה.

מיט א תפלה אז מיר זאלן זוכה זיין דערצו און ארויסגיין פון אלע ערליי חשכות'ער און זוכה זיין צו שפירן א טעם אין תורה און זוכה זיין אויסצושטייגן מעלה מעלה אין אלע מדריגות ביז עס וועט שוין קומען צו גיין די גאולה השלימה במהרה אין אונזערע טעג.

טיב ההשגחה

# מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

## די וויכטיגקייט פון בודק זיין די מזוזות

נאכ'ן אויסהערן עטליכע שיעורים פון מורינו שליט"א איבער איבערקוקן מזוזות האב איך געטון אין איר און איך ברענג אראפ עטליכע מעשיות בנוגע וואס מיר האבן געטראפן אין די מזוזות, און זיי וועלן דערוועקן דעם ציבור צו זיין מער וואכזאם בנוגע די נושא.

ביי די שיעור האט מורינו שליט"א דערציילט אז ביי דער גאון רבי ישראל יעקב פישער זצ"ל איז דער ענין פון בודק זיין מזוזות געווען זייער שטארק. אלעמאל ווען זיין אייניקל איז געגאנגען שלאפן אין די דארמיטאריס (קוואטירן) פלעגט ער זיי מיטגעבן מזוזות, אז זיי זאלן עס ארויפלייגן אויפ'ן טיר, נישט האבנדיג צוטרוי אין די מזוזות וואס הענגען אין די דארמאטארי.

אין די צייט ווען איך האב די התעוררות איבער איבערקוקן מזוזות, האב איך געהאט אן אייניקל וואס האט זיך זייער שטארק געמוטשעט מיט זיינער א קינד. מיין זון איז אריין און ארויס פון שפיטאל מיט זיין קינד און די פלאג האט נישט גענומען קיין ענדע. זעענדיג די צער וואס מיין קינד גייט אריבער, האב איך אים א פרעג געגעבן צי ער האט לעצטענס בודק געווען די מזוזה.

מיין קינד האט באשטעטיגט אז יא, ער האט בודק געווען זיינע מזוזות עטליכע וואכן פריער.

עס איז אריבער א שטיק צייט און מיין קינד קלינגט מיר צוריק. ער דערציילט מיר אז נאך דעם וואס איך האב אים מעורר געווען בנוגע די מזוזה, האט ער באשלאסן אז טראץ וואס ער האט בודק געווען די מזוזה דריי וואכן פריער וועט ער עס נאכאמאל בודק זיין.

ער האט בודק געווען און עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז די מזוזה איז געלייגט געווארן אויף די פארקערטע זייט.

מיר האפן יעצט אז די ישועה וועט קומען צוגיין בקרוב, אבער צום שלוס וויל איך מיטטיילן א שרעקעדיגע מעשה וואס עס האט פאסירט ביי מיינער א באקאנטער.

די מעשה וועט מעגליך דינען אלץ א מעורר איבער די וויכטיגקייט פון בודק זיין מזוזות.

עס איז געווען נאך דעם וואס מיינער א באקאנטער האט ליידער פארלוירן א קינד, זיין בעיבי פון עלף חדשים איז נישט אויפגעשטאנען צופרי. די משפחה איז געזעסן שבעה נאך זייער קינד און איך בין ארויף צו די ניחום אבלים און מנחם געווען די משפחה.

ביי די שבעה האבן זיי דערציילט אז נאך די שווערע געשעעניש האבן זיי געגעבן איבערצוקוקן די מזוזה אין דער צימער וואו דאס קינד איז געשלאפן און געטראפן אז דער "בשכבך" איז געווען גוט אבער דער "ובקומך" איז געווען פסול ה"י.

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

צווישן די אכט בגדי כהונה פונעם כהן גדול, איז געווען דער "מְעִיל" וועלכער איז מכפר אויפן זינד פון לשון הרע (זבחים דף פח ע"ב).

א שיינעם ערקלערונג דערויף, שרייבט דער הייליגער רמ"א זצללה"ה אין זיין ספר "תורת העולה" (ח"ב פרק מ), ווי פאלגנד: דער "מעיל" איז מכפר אויף לשון הרע. וויבאלד עס איז געווען דער שטייגער אין אלע דורות, אנצוטון פאסיגע קליידער, יעדער איינער לויט זיין אמט און זיין פאסטן. און עס איז געווען באוואוסט אז דאס אנטון דעם "מעיל" איז געאייגנט פאר די וועלכע זענען "חסידים" און "פרושים", אזוי ווי עס ווערט ערקלערט אין פסוק (שמואל א' כח, יד): 'אִישׁ זָקֵן עֹלֶה, וְהוּא עֹטֶה מְעִיל, וַיֵּדַע שָׁאוּל כִּי שְׁמוּאֵל הוּא'. דעריבער איז פאסיג פאר דער וועלכער קליידט זיך אן מיטן "מעיל", אז אויך זיינע אינערליכע מעשים זאלן זיין לויט ווי זיין דרויסנדיגער קליידונג ווייזט אן אויף אים, און נישט אז ער זאל עס נאר אנטון און טון אן אויסגעלאסענער פירונג. דעריבער האט דער אויבערשטער באפוילן אז דער כהן זאל זיך איינהילן אינעם "מעיל", און די זוימען דערפון זאלן זיין פול מיט "פעמוני זהב", גאלדענע גלעקלעך, כדי דער קול דערפון זאל דערהערט ווערן און מען זאל וויסן אז ער גייט אנגעטון מיט אט דעם מלבוש.

און די גלעקלעך זענען געווען "בְּתוֹךְ הָרִמֹּנִים", צו ווייזן אז מען זאל נישט לאזן הערן קיין קול נאר ווען מען רעדט אינעם לויב און אין דאס גוטס פון די מענטשן, אזוי ווי דער "רִמּוֹן" וואס חז"ל האבן גע'דרש'נט (ברכות דף נז ע"א) אז אפילו די פון די אידן וועלכע זענען "רֵיקָנִין" זענען אויך פול מיט מצוות אזוי ווי א מילגרוים – און מען זאל נישט לאזן הערן קיין קול מיט רייד פון שאנד און לשון הרע אויף אן אנדער איד, ביז אהער פונעם הייליגן רמ"א אין זיין ספר "תורת העולה".

זעען מיר פון זיינע ווערטער, אז דער ענין פארוואס די "פַּעֲמוֹנִים" זענען געווען "בְּתוֹךְ הָרִמֹּנִים", איז געווען כדי אונז צו לערנען אז מען זאל נאר לאזן הערן אונזער קול רעדנדיג לויב רייד. און אפילו אויף די "רֵיקָנִין שֶׁבְּיִשְׂרָאֵל" זאל מען שטענדיג מלמד זכות, וויבאלד אויך זיי זענען "מְלֵאִים מִצְוֹת כְּרִמּוֹן". און עס איז באוואוסט וואס דער הייליגער חפץ חיים זצוק"ל שרייבט אין אסאך פלעצער [זע אן אריכות אין זיין ספר שמירת הלשון (ח"א שער התבונה פ"ד) און נאך], אז דער יסוד פון זיך אפהיטן און זיך דערווייטערן פון די עבירה פון לשון הרע, הייבט זיך אן מיט דעם וואס דער מענטש וועט שטענדיג מלמד זכות זיין אויף א איד אין יעדער זאך

◆ ◆ ◆

א מאדנער ערשיינונג איז אמאל פארגעקומען אין ירושלים עיר הקודש ת"ו, וואס דערפון לערנט מען זיך ארויס, אויף ווי ווייט דארף מען ממש יעדן איינעם דן זיין לכף זכות.

אין איינע פון די ישיבות הקדושות, האט דער חשוב'ער משגיח שליט"א געלאזט הערן א מוסר שמועס איבערן ענין פון 'קטנות ושפלות האדם' און אזוי איז ער געגאנגען אין דעם מענין לענין באותו ענין. צווישן זיינע ווערטער האט ער ארומגערעדט איבער ווי קליין איז דער כדור

# הֱוֵי דָן אֶת כָּל הָאָדָם לְכַף זְכוּת

העולם אנטקעגן דעם גאנצן מַעֲרֶכֶת הַשָּׁמַיִם, וואס דרייט זיך ארום אונז. און צווישן אנדערע האט ער ארומגערעדט איבערן ברייט באקאנטן ענין פון וויאזוי געלט דרייט זיך צווישן מענטשן, ווייל די געלט איז נישט עפעס וואס בלייבט שטיין אויף איין פלאץ נאר עס דרייט זיך ארום, און די גאנצע געלט וואס איז דא אויף דער וועלט, דרייט זיך פון איין מענטש צו אן אנדער מענטש, און אזוי נאכאמאל און נאכאמאל, די זעלבע געלט צו די זעלבע מענטשן, א קליין וועלטל וואס דרייט זיך נאכאמאל און נאכאמאל, ארום און ארום...

איינער פון די בחורים וועלכער איז געזעצן דארט ביי דעם "וועד", האט זייער הנאה געהאט פונעם שמועס און פון די פאסיגע הערליכע משלים. נאכן שמועס האט זיך אנגעצינדן אין אים אביסל א מאדנעם געדאנק... אז ער זאל אליין נאכקוקן אויב עס איז ריכטיג דאס וואס דער משגיח האט דערמאנט וועגן די געלט... האט ער דעריבער אנגעהויבן מאכן גאר א קליינעם סימן מיט א דאטום אויף יעדן געלט־באנקנאט וואס איז דורכגעגאנגען זיין האנט, דער סימן האט ער געמאכט אזוי קליין, כמעט אוממערקבאר, אויף א פארהוילענעם ווינקל פונעם באנקנאט, ווענדיג זען ווען דער רעדל וועט זיך צוריקדרייען צו אים און דער זעלבער באנקנאט וועט צוריקקומען צו אים... ער פלעגט טאקע אסאך מאל טרעפן, צומאל נאך לאנגע חדשים, אז די זעלבע באנקנאטן זענען נאכאמאל צוריקגעקומען צו אים, און צומאל איז דער זעלבער באנקנאט צוריקגעקומען צו אים עטליכע מאל... און יעדן מאל וואס דער זעלבער באנקנאט איז צוריקגעקומען צו אים, האט ער נאכאמאל געמאכט זיין סימן דערויף, מיט א צייכן פארן דאטום וואס דעמאלטס איז עס אנגעקומען צו אים...

מיט די צייט, איז דער 'מנהג' געווארן שטארק באליבט ביי דעם בחור, אזא סארט שפיל, און אלע זיינע חברים האבן שוין געוואוסט אז יעדער באנקנאט וואס וועט אנגעקומען צו אים, וועט שוין זוכה זיין צו באקומען זיין אייגנארטיגן צייכן דערויף.

די טעג זענען שנעל דורכגעלאפן, און אט איז געקומען דער צייט פונעם בחור אויפצושטעלן א בית נאמן בישראל. ער האט חתונה געהאט בשעה טובה ומוצלחת, מיט א שידוך וואס איז געווען זייער פאסיג פאר אים. די כלה איז געווען א בת יחידה צו איר מאמע, און איז געווען א יתומה פון איר טאטע. זיי האבן חתונה געהאט בכבוד ובשמת, באקומענדיג אלע זייערע געברויכן בשלימות, כמנהג בעלי בתים חשובים, וויבאלד סיי זיינע עלטערן זענען געווען פארמעגליך, און אויך די מאמע פון די כלה, די אלמנה, איז געווען א פארמעגליכע פרוי. זיי האבן געקויפט גאנץ א שיינע דירה נאנט צו די מאמע – זיין חשוב'ע שוויגער, און האבן זייער הנאה געהאט זיך צו געפינען נאנט צו איר.

◆ ◆ ◆

אין אן אוונט, באלד נאך זייער חתונה, איז די מאמע־שוויגער ארויפגעקומען פאר א קורצן באזוך אינעם וואוינונג פונעם פרישן פארפאלק, מיטברענגענדיג א געשמאקע געקעכטס וואס זי האט זיי אנגעגרייט פאר נאכטמאל. אזוי, אינמיטן רעדן מיט איר טאכטער, האט זי באקומען א וויכטיגער טעלעפאן־רוף פון איר נאנטע חבר'טע, וועלכע האט געוואלט וויסן אויב זי וואלט געקענט באשטיין שוין יעצט מיטצוגעקומען מיט איר צו אן אויספארקויף פאר זייער ביליגע פרייזן, וואס זי איז יעצט געוואויר געווארן אז יעצט איז דער לעצטער נאכט פונעם פארקויף. די שוויגער האט גלייך צוגעשטימט, און זיי האבן אפגערעדט צווישן זיך אז זיי וועלן זיך טרעפן ביים חבר'טע אינדערהיים, אין א האלבע שעה ארום.

זי האט זיך גרייט געמאכט ארויסצוגיין, אבער קוקנדיג אין איר טאשקע, האט זי געזען אז עס פעלט איר אביסל קעש־געלט, פאר די נסיעות און פארן איינקויפן א.א.וו. האט זי געפרעגט איר איידעם אויב ער האט אפשר הונדערט שקל איר צו פארלייען. דער חתן האט גערן ארויסגענומען פון זיין בערזל א באנקנאט פון הונדערט שקל, מיט א שטיפערישן ווינק מיטן אויג צו זיין ווייב: "לאמיר זען ווען דאס וועט צוריקקומען צו מיר"! ער האט אבער נישט באמערקט אז אויך זיין שוויגער האט געהערט זיינע ווערטער. ער האט איר שנעל אראפגעלייגט די געלט, און זי איז שנעל ארויס פון הויז, מיט א שנעלן גוטן אוונט.

אויפצומארגנס, ווען דער יונגער פרישער פארפאלק איז געקומען עסן מיטאג ווי זייער שטייגער טאג־טעגליך, האט די יונגע ווייבל געזען אז איר מאמע פירט זיך נישט צו זיי אזוי ווי געווענליך. זי האט אויסגעזען עפעס פארטרויערט און איינגעגעסן אין זיך. זי האט שנעל געענדיגט דערלאנגען דעם מאלצייט, און איז זיך געגאנגען אראפלייגן אין איר צימער. האט די טאכטער געמיינט אז עס איז פונקט אזוי היינט געשען, אז אפשר היינט פילט זיך די מאמע נישט גוט. אבער ווען דער זאך האט זיך איבערגעשפילט פאר עטליכע טעג, האט זי פארשטאנען אז עפעס טיפער ליגט אין דעם. עס איז שוין עטליכע טעג וואס איר מאמע מאכט זיך פרעמד צו זיי, און ווען זיי פרעגן איר עפעס ענטפערט זי מיט א קענטליכע קאלטקייט, פון וואס מען האט קלאר געקענט זען אז עפעס שטערט איר זייער שטארק.

ווען איר מאן איז געגאנגען אין כולל, איז די פרוי געבליבן אביסל ביי איר מאמע אינדערהיים, און האט איידעלערהייט פראבירט אנטפלעקן וואס

המשך אין עמוד ד' >

עס שטערט אזוי שטארק פאר איר מאמע. זי איז צוגעגאנגען צו איר און האט איר איידל געפרעגט: מאמע, וואס שטערט איר אזוי? וואס מאכט דיר אזוי צארנדיג? פארוואס ביסטו אזוי אין כעס אויף אונז?

אין אנהייב האט זיך די מאמע ארויסגעדרייט, און האט נישט געוואלט אנטפלעקן וואס עס שפילט זיך אפ אין די טיפענישן פון איר הארץ. אבער ווען איר טאכטער האט זיך געבעטן ביי איר, איינמאל און נאכאמאל, האט די מאמע ענדליך געעפנט איר מויל, און געזאגט: עס זעט איר אויס ווי א שיינעם פירונג, דאס וואס דיין מאן האט געטון? ער האט זיך געפירט צו מיר זייער נישט שיין!

די טאכטער איז זייער פארוואונדערט געווארן, וויבאלד איר מאן האט אלעמאל זייער געשעצט איר מאמע, און ער איז דאך זייער א געשמאקער מענטש, און עס האט איר קיינמאל נישט אויסגעזען אז ער טוט חלילה גרינגשעצן אין איר מאמע. זי האט אבער פארשטאנען אז עס איז עפעס געשען פון וואס איר מאמע איז זייער פארשעמט געווארן. האט זי זיך פראבירט אויפפרישן איר זכרון, אבער זי האט זיך נישט געקענט דערמאנען קיין שום פאל ווי איר מאן האט גערעדט צו איר מאמע אויף נישט קיין שיינעם וועג. וויבאלד זי האט געזען אז איר מאמע איז זייער געטראפן געווארן פון אים, האט זי געפילט פאר זייער וויכטיג צו אויסגעפינען וואס עס איז געשען צווישן זיי, און האט פראבירט צו גיין פון ארום און ארום, ביז איר מאמע האט איר דערציילט די מעשה פונקטליך.

ווען די מאמע האט געזען ווי פארוואונדערט איר טאכטער איז, האט זי געזאגט: האסט נישט געזען? דו ביסט דאך אליין דארט געשטאנען! ווען איך האב אים געבעטן א קליינע הלוואה פון בלויז הונדערט שקל, און ער האט בכלל נישט קיין צוטרוי אין מיר, אויף אזוי ווייט אז ער האט זיך אנגערופן צו דיר שטילערהייט – 'לאמיר זען ווען דאס וועט צוריקקומען צו מיר'... נו, צודען קומט זיך מיר דאס, נאכדעם וואס איך האב אריינגעלייגט מיינע כוחות אין אייך, קויפנדיג פאר אייך אייער טייערע דירה און די שיינע מעבל, באגלייט מיט די אנדערע טייערע הוצאות פון די הערליכע חתונה, וואס איז אנגעקומען צו א סומע פון צענדליגער טויזנטער דאלארן! פון וואס אויך ער האט זייער הנאה! און יעצט, וועגן א קליינע הלוואה פון הונדערט שקל, פארלאזט ער זיך נישט אויף מיר, און ער פרעגט ווען עס וועט שוין צוריקקומען?

וויסן זאלסטו, מיין טאכטער, האט די מאמע אויסגעפירט מיט א שטארקן צארן, אז איך בין באליידיגט געווארן ביז צו די טיפענישן פון מיין נשמה, און איך קען נישט צוריקגיין צום סדר היום פאר אזא זאך!

ווען די טאכטער האט געהערט פון וואס עס רעדט זיך, האט זי פלוצלונג אנגעהויבן זייער שטארק צו לאכן, און האט זיך נישט געקענט איינהאלטן פון פלאצן אין א שטארקן געלעכטער... די מאמע איז געשטאנען אין א זייט, און האט נישט געקענט פארשטיין, ווי קומט דא אריין צו לאכן, איך שטיי דא פארשעמט און באליידיגט, פארוויטאגט און פארקלעמט, און דו לאכסט נאך פון מיר? וואס איז דא לאכעדיג? האט זיך די מאמע געוואונדערט.

ווען די טאכטער האט זיך אביסל בארואיגט, האט זי זיך אנגערופן צו איר מאמע: טייערע מאמע, זיי מיר מוחל! דו האסט פשוט נישט געכאפט וואס מיין מאן האט געזאגט, ווייל ער האט בכלל נישט געמיינט דיר. – זאל ער געזונט זיין, מיין מאן, עס איז שוין עטליכע יאר וואס ער האט אזא אינטערעסאנטער פירונג, וואס ער האט ליב צו טון, אז ער מאכט א סימן אויף יעדן געלט-באנקנאט וואס קומט צו זיין האנט, וועלנדיג זען ווען עס וועט צוריקקומען צו אים נאכאמאל. וועגן דעם האט ער געזאגט צו מיר, לאמיר זען ווען אט דער באנקנאט וואס מיר געבן יעצט ארויס פון אונזערע הענט, וועט נאכאמאל צוריקקומען צו אונז... אבער דו, וואס דו ביסט געשטאנען אין זייט און האסט געהערט וואס ער זאגט, האסט נישט געכאפט פון וואס מען רעדט, און האסט געטראכט עפעס אנדערש, און ביסט אומזיסט אזוי טיף באליידיגט געווארן...

* * *

פון דעמאלטס און ווייטער, דרייט זיך די מאמע, די אלמנה, און אין יעדן ארט דערציילט זי דעם אויבנדערמאנטן שטוינענדן דערציילונג, כדי אונז צו לערנען אויף ווי ווייט גייט דער חיוב צו דן זיין יעדן מענטש לכף זכות. אזוי ווי עס שטייט אין די הייליגע משנה (אבות פ"א מ"ו): "וֶהֱוֵי דָן אֶת 'כָּל' הָאָדָם לְכַף זְכוּת", און דערמיט מיינט מען ממש יעדן איינעם, ווייל קיינמאל קען מען נישט וויסן וואס ער האט געמיינט, און וואס ער האט געטראכט מיטן זאגן דאס וואס ער האט געזאגט...

אזוי ווי מיר געפינען שוין פילע וואונדערליכע דערציילונגען אין די הייליגע ווערטער פון חז"ל, ענדליך צו די אויבנדערמאנטע מעשה, פון וואס מיר זעען ווי ווייט מען דארף אלעמאל דן זיין יעדן איינעם לכף זכות, אפילו ביי אזעלכע זאכן וואס זעען אויס זייער ווייט און לייגן זיך נישט אויפן שכל. קוקט גוט אריין אין אבות דרבי נתן (פרק שמיני), און אין די גמרא מסכת שבת (דף קכז ע"ב) און נאך.






## על הברכה יעמדו


ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט | התורמים להפצת העלון | לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוח למייל המצו"ב

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| לע"נ יעקב צבי בן ישראל | לע"נ מרת הינדל בת משה ירמיהו ובלומה | לע"נ רבי שבתי זצ"ל בן הגה"ק רבי גמליאל הכהן זצ"ל נלב"ע ח' שבט תשל"ו ת.נ.צ.ב.ה. | לע"נ הרב יחיאל מאיר ז"ל בן הרב אברהם עקשטיין ז"ל נלב"ע י"ב טבת תשס"ח ת.נ.צ.ב.ה. | לע"נ מרת חיה סאסא בת לאה נלב"ע י' סיון ת.נ.צ.ב.ה. | לע"נ הבחור שמואל מאיר ז"ל בן יבלחט"א רבי ישראל יצחק נלב"ע י"ח כסלו ת.נ.צ.ב.ה. | גרפצ'יק טל: 02-5002321 גרפצ'יק | קשת הרשת 02-6257948 info@keshet-hareshet.co.il | גל-פז |



יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com



יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173